# תורה נבֿיאים וכתובֿים

## תרגום ייִדיש פֿון יהואש

# עוֹבֿדיָה

# א

1 די זעונג פֿון עוֹבֿדיָהן.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר אויף אֶדוֹם:
אַ הערונג האָבן מיר געהערט פֿון גאָט,
און אַ שליח איז געשיקט צווישן די פֿעלקער:
שטייט אויף, און לאָמיר אויפֿשטיין אין מלחמה אויף איר.
2 זע, קליין מאַך איך דיך צווישן די פֿעלקער,
פֿאַראַכט זייער ווערסטו.
3 די מוטווויליקייט פֿון דײַן האַרצן האָט דיך פֿאַרפֿירט,
דו וואָס רוסט אין די שפּאַלטן פֿון פֿעלז,
אין דער הייך פֿון דײַן וווינונג;
וואָס זאָגסט אין דײַן האַרצן:
ווער וועט מיך אַראָפּנידערן צו דער ערד?
4 ווען דו זאָלסט זיך ווי אַן אָדלער דערהייבן,
און ווען דו מאַכסט צווישן שטערן דײַן נעסט,
וועל איך פֿון דאָרטן דיך אַראָפּנידערן,
זאָגט גאָט.
5 אויב גנבֿים וואָלטן געקומען צו דיר, אויב נאַכטרויבֿער –
ווי ביסטו פֿאַרשניטן געוואָרן! –
וואָלטן זיי דאָך בלויז געגנבֿעט גענוג פֿאַר זיך;
אויב האַרבסטער וואָלטן געקומען צו דיר,
וואָלטן זיי דאָך אַ נאָכקלײַב איבערגעלאָזט.
6 ווי איז דורכגעזוכט געוואָרן עֵשָׂו,
אַנטפּלעקט געוואָרן זײַנע באַהעלטענישן!

7 ביז צום געמאַרק האָבן זיי דיר באַלייט,
אַלע דײַנע בונדסלײַט;
דיך פֿאַרפֿירט, דיך בײַגעקומען
האָבן די גוטע פֿרײַנט דײַנע.
די וואָס האָבן דײַן ברויט געגעסן
האָבן געשטעלט אַ נעץ אונטער דיר.
ניט געווען קיין פֿאַרשטאַנדיקייט אין אים.

8 פֿאַר וואָר, אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט,
וועל איך אונטערברענגען די חכמים, פֿון אֱדוֹם,
און די פֿאַרשטאַנדיקייט, פֿון באַרג עֵשָׂו.
9 און דײַנע גיבורים, תֵּימָן, וועלן צעבראָכן ווערן,
כּדי איטלעכער זאָל פֿאַרשניטן ווערן
פֿון באַרג עֵשָׂו דורך טייטונג.
10 פֿאַר דעם אומרעכט צו דײַן ברודער יעקבֿ
וועט דיך אַ בושה באַדעקן,
און וועסט פֿאַרשניטן ווערן אויף אייביק.
11 אין דעם טאָג וואָס דו ביסט געשטאַנען פֿון ווײַטן,
אין דעם טאָג וואָס פֿרעמדע האָבן געפֿאַנגען זײַן פֿאַרמעג,
און ווילדפֿרעמדע זײַנען געקומען אין זײַנע טויערן,
און אויף ירושָלַיִם גוֹרל געוואָרפֿן,
ביסטו אויך געווען ווי איינער פֿון זיי.
12 און דו האָסט ניט געזאָלט צוזען דעם טאָג פֿון דײַן ברודער,
אין טאָג פֿון זײַן אומגליק,
און ניט געזאָלט זיך פֿרייען איבער די קינדער פֿון יהודה,
אין טאָג פֿון זייער אונטערגאַנג,
און ניט געזאָלט גרייסן דײַן מויל,
אין טאָג פֿון נויט.
13 האָסט ניט געזאָלט קומען אין טויער פֿון מײַן פֿאָלק,
אין טאָג פֿון זײַן בראָך,
ניט געזאָלט צוזען, דו אויך, זײַן אומגליק,
אין טאָג פֿון זײַן בראָך,
און ניט געזאָלט אויסשטרעקן די האַנט אויף זײַן פֿאַרמעג,
אין טאָג פֿון זײַן בראָך.
און האָסט ניט געזאָלט שטיין בײַם שיידוועג,
14 צו פֿאַרשנײַדן זײַנע אַנטרונענע,

און ניט געזאָלט איבערענטפֿערן זײַנע געבליבענע,
אין טאָג פֿון נויט.

15 וואָרום נאָנט איז דער טאָג פֿון גאָט אויף אַלע פֿעלקער;
ווי דו האָסט געטאָן, וועט געטאָן ווערן צו דיר,
דײַן טוּונג וועט זיך אומקערן אויף דײַן קאָפּ.
16 וואָרום ווי איר האָט געטרונקען אויף מײַן הייליקן באַרג,
וועלן טרינקען אַלע פֿעלקער תּמיד;
יאָ, זיי וועלן טרינקען און זופּן,
און ווערן ווי קיין מאָל ניט געווען.
17 אָבער אויף דעם באַרג צִיוֹן וועט זײַן אַן אַנטרינונג,
און ער וועט זײַן הייליק;
און דאָס הויז פֿון יעקבֿ וועט אַרבן זייערע אַרבונגען.
18 און דאָס הויז פֿון יעקבֿ וועט זײַן אַ פֿײַער,
און דאָס הויז פֿון יוֹסף אַ פֿלאַם,
און דאָס הויז פֿון עֵשָׂו צו שטרוי,
און זיי וועלן זיי אָנצינדן און זיי פֿאַרצערן,
און קיין איבערבלײַב וועט ניט זײַן פֿון דעם הויז פֿון עֵשָׂו;
וואָרום גאָט האָט גערעדט.
19 און די וואָס אין דָרום וועלן אַרבן דעם באַרג עֵשָׂו,
און די וואָס אין דער נידערונג – די פּלִשתּים;
און זיי וועלן אַרבן דאָס פֿעלד פֿון אפֿרים,
און דאָס פֿעלד פֿון שוֹמרוֹן;
און בנימין וועט אַרבן גִלעָד.
20 און די דאָזיקע פֿאַרטריבענע מחנה פֿון די קינדער פֿון ישׂראל
וואָס צווישן די כּנַענים ביז צָרפַֿת,
און די פֿאַרטריבענע פֿון ירושָלַיִם וואָס אין ספָֿ־רד,
וועלן אַרבן די שטעט פֿון דָרום.
21 און העלפֿער וועלן אַרויפֿגיין אויפֿן באַרג צִיוֹן,
צו משפּטן דעם באַרג עֵשָׂו,
און די מלוכה וועט זײַן בײַ גאָט.

© 2005 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.